# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:46
מוצאי שבת קודש............9:15

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שמואל-א ו'
בבלי............................חולין ק'
ירושלמי..........בבא בתרא ט"ז
תוספתא...........בבא מציעא ה'
רמב"ם.............קידוש החודש ט'

פרשת ראה, מברכים חודש אלול, כ"ה אב, אבות פרק ה', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 44 (763)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סֵיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, "צִי הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן? צִי הָאבּ אִיךְ אוֹיף 'הַיינְט' וָואס אִיךְ דַארְף?". מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט עֶר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר טְרַאכְטְן פוּן 'הַיינְט', פוּן 'יֶעצְט'. וָואס מֶען קֶען יֶעצְט טוּן אַ נַחַת רוּחַ פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּן, וָואס גֵייט מֶען מָארְגְן טוּן. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן יֶעצְט וָואס מֶען קֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אַזוֹי, אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ מֶען הָאט שֵׂכֶל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** – אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** – וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִּילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

**אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ,** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְוֵויי וֶועגְן, עֶר דַארְף וִויסְן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת. וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר וִויסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער וִויפִּיל דִי תּוֹרָה וִויל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן. וִוי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ',** אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער וִויפִּיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק. פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו,** לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער וִויפִּיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ,** נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, וַוייל דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט גֵייסְטוּ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. (זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת מְבָרְכִים אֱלוּל

וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ צַייט זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם הַדִין; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן נִישְׁט זַיין אִין דִי צַייט, זֵיי וִוילְן זִיךְ זֶען נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן אַ טָעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' אִיז אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע צַייט, אוּן דֶערְפַאר קֶענֶען דָאס אַ טֵייל מֶענְטְשְׁן נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, מֶען וִויל אַנְטְלוֹיפְן, מֶען וִויל דִי טֶעג זָאלְן שׁוֹין וָואס שְׁנֶעלֶער אַרִיבֶּער גֵיין. לִיבֶּער בְּרוּדֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ דִי טֶעג זֶענֶען נִישְׁט קַיין

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֵיי יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, הֵייבּ אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן פַאר דַיין הִתְקַרְבוּת לְרַבֵּינוּ, אוּן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ', נָאכְן דַאנְקֶען זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט פַאר תְּשׁוּבָה אוּן וִידּוּי דְבָרִים, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): "נוֹתֵן הוֹדָאָה עַל שֶׁעָבַר וְצוֹעֵק עַל הֶעָתִיד", עֶרְשְׁט דַאנְקְט מֶען אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען.

אַ קָאנְטְרַאקְטֶער קֶען בַּיים בּוֹיעֶן הַייזֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, אַז מֶען רֶעדְט אֵיידְל, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, אוּן וֶוען דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים שְׁרֵייעֶן בְּלַייבְּט מֶען רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן, בִּיז אַלֶע הֵייבְּן אָן זֶען אַז דָא אִיז דָא אַ קָאנְטְרַאקְטֶער אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס רֶעדְט אֵיידְל אוּן רֶעדְט אַלְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ו)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פְרֵיילִיךְ, לוּפְטִיג, אוּן גֶעשְׁמַאק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף נָאר אֵיין זַאךְ, אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיף גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער; הָאסְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, יֶעצְט שַׁבָּת קֶענְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ', בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, לוּפְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען דוּ זָאגְסְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי דִי סְעוּדָה דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר (פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, פח.): "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ" - זָאלְסְטוּ אוֹיפְכַאפְּן וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים, דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, שְׁטֵייט בַּיי אַלֶעמֶען נָאר אֵיין זַאךְ: "וַהֲוָה חַדֵּי בְּכָל חַד וְחַד", זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה, עַיֵּין שָׁם.

מַאךְ דִי סְעוּדוֹת מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת, טוּ נִישְׁט אוֹיס דַיין בֶּעקִיטְשֶׁע מִיט דִי שְׁטְרַיימְל בַּיי דִי סְעוּדוֹת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת, (עֶס בַּאדֶערְט מִיךְ אַז אִינְגֶעלַייט קוּמֶען אִין שׁוּל אָן דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּקוּמֶען דִי לַאנְגֶע וֶועג נָאר בְּלַייבְּן דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל נֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטוּב מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת וִוי אֵיידֶער אַרָאפְּקוּמֶען צוּ מִיר אָנֶעם שְׁטְרַיימְל).

גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּב, שַׁבָּת דַארְף מֶען גֶעבְּן דָאפְּלְטֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּן כא, דַף נז.) אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען מְפַיֵּיס זַיין דָאפְּלְט וִוי אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צִיט אוֹיס דִי שְׁטִיקְלֶעךְ, עֶר חַזָן'ט אוּן גָארְגְלְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי סֶעקוּנְדֶעס אוּן מִינוּטְן זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין; עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פָארִיגֶע וָואךְ, אוֹיף יֶעדְן טָאג, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אַז אַלֶעס זָאל זַיין וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוֹיךְ בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן, וֶוען מֶען עֶפְנְט דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם טַלִּית אוּן בֶּעט אַלֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אַלֶעס וָואס דְרִיקְט פְּרִיוַואט; וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט פְּתִיחַת הָאָרוֹן עֶפֶענֶען זִיךְ דִי טוֹיעֶרְן אִין הִימְל, עֶס אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת. אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

נא. מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה גְּדוֹלָה, יָכוֹל לְהַשִּׂיג שְׁלֵמוּתוֹ בִּמְעוּט פְּעֻלּוֹת. דֶער וָואס שְׁטֵייט אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, קֶען דֶערְגְרַייכְן צוּ זַיין שְׁלֵימוּת מִיט טוּן וֵויינִיג זַאכְן.



אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע טֶעג, דִי טֶעג זֶענֶען רַחְמָנוּת טֶעג, דִי טֶעג זֶענֶען יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן, 'יָדוֹ פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים', דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים, אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר פְרֵייט זִיךְ אוּן הָאפְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט וָואס מִיר טוּעֶן אוּן הָאט אוּנְז לִיבּ; וַוייל אַזוֹי וִוי אַלֶע מִצְוֹת דַארְף מֶען טוּן מִיט שִׂמְחָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ טוּן דִי מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער, אוּן אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן אוּן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת, וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן עַצְבוּת אוּן פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר פַיינְט עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא רַחֲמָנָא לִצְלָן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח), אוּן דָאס אִיז דִי סִימָן צִי מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט; אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ – אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז בְּעַצְבוּת – אִיז מֶען בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן; ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס רֶעכְט אָפּ דִי טֶעג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר, וָואס גֵיי אִיךְ טוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל? וִויפִיל גֵיי אִיךְ לֶערְנֶען? וִויפִיל גֵיי אִיךְ עוֹסֵק זַיין אִין דַאוֶוענֶען אִין זָאגְן תְּהִלִּים וְכַדּוֹמֶה? וַוייל מוֹהֲרְנַ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט, אוּן מֶען טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט"; אָן יִשּׁוּב הַדַּעַת קוּקְט מֶען אַזוֹי אוֹיס, מֶען קָאכְט זִיךְ: "אֱלוּל... אֱלוּל..." אוּן בַּיים סוֹף טוּט מֶען גָארְנִישְׁט.

עַל כֵּן מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' זָאל דִיר אַרִיבֶּערְגֵיין, עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ אָנְהַאלְטְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים פוּן אַ גַאנְץ יָאר אִין לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן לְכָבוֹד חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין גַאנְץ תַּנַ"ךְ, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן דָאס טוּן אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנא), אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רצד), פוּן דֶעם וָואס אִידְן בְּלַייבְּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִין שׁוּל נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאגְן תִּיקּוּנִים, פוּן דִי זִיסֶע נִיגּוּן וָואס מֶען זָאגְט תִּיקּוּנִים, אוּן פוּן דָאס וָואס מֶען פַארְזוֹימְט זִיךְ פוּן דֶעם – וֶוערְט אִין הִימְל גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין – וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל', דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן וִוי דִי אַלֶע פַארְלוֹירֶענֶע וָואס פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט: "אֱלוּל... אֱלוּל..." – אוּן טוּעֶן גָארְנִישְׁט, דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין אָנְגֶעגְרֵייט מִיט אַ רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה.

(קוּנְטְרֵס חוֹדֶשׁ אֱלוּל)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (רנו)

דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזֶעצְט אוּן גֶעזָאגְט, "חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל׳.) "כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ לֹא נִבְרָא אֶלָּא לְצַוּוֹת לָזֶה", אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר׳ן צַדִיק, דֶערִיבֶּער דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶען צוּ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם צַדִיק. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן דֶעם צַדִיק מִיט זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת אָדֶער מִיט זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס מִיט דֶעם גֶעבְּן זֵיי כֹּחַ פַאר׳ן צַדִיק, אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן גֶעלְט פַאר׳ן צַדִיק אוּן דָאס גְלַייכְן אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דֶעם צַדִיק, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדֶע גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, אִיז דָאס אַ הִילְף פַאר׳ן צַדִיק".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "אָבֶער וִוי אִיךְ זֶע דַארְף אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי וֶועלְט, וַוייל אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין שׁוּם הִילְף פוּן אַייךְ".

נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳חָלוֹמְ׳ט וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִיבּוּץ פוּן אִידְן מִיט זֵייעֶר מַנְהִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה צוּ הַרְגֶ׳עֶנֶען אַלֶע אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דֶער מַנְהִיג אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי גוֹיִם, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט גֶערוּפְן אַ שֶׁערֶער וָואס הָאט אִים אָפְּגֶעשׁוֹירְן זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען גֶעווּאוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַאלְשֶׁע שְׁמוּעָה, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא גְזֵירָה, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּזְיוֹנוֹת פוּן דֶעם מַנְהִיג, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, אָבֶער וִוי קֶען עֶר בִּכְלַל אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ פוּן טִיר, דִינְגֶען אַ וָואגְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר גֶעפֶערְלִיכֶע בּוּשׁוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זִיצְן אַ שְׁטִיק צַייט בַּיי אַ גוֹי אִינְדֶערְהֵיים בִּיז זַיין בָּארְד אִיז צוּרִיק גֶעוָואקְסְן.

דָאס אַלֶעס הָאט מֶען גֶעוִויזְן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן אִין חָלוֹם.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

---

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים אַרוֹיפְקוּקְן?



***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין מַאן אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג, אוֹיךְ טוּט עֶר אַסַאךְ חֶסֶד אוּן הֶעלְפְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזַא מְסוּדָר׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ, קֶען אוֹיסְקוּמֶען אַז עֶר בְּלַייבְּט פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע עַסְקָנוּת בִּיז שְׁפֶּעט אִין דִי נֶעכְט, אִיךְ בִּין אָבֶער בָּרוּךְ ה׳ זֵייעֶר צוּפְרִידְן מִיט אִים.

אֵיין זַאךְ וָואס טוּט מִיר אָבֶער וֵויי אִיז דָאס וָואס עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד צוּ דַאוְוענֶען אִינְדֶערְפְרִי פַאר חֲצוֹת מִיט מִנְיָן, עֶר קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט, אוּן נָאךְ עֶנְטְפֶערְן עֶטְלִיכֶע טֶעלֶעפָאן רוּפְן, וָואס קֶען זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן בִּיז נָאךְ חֲצוֹת. אוֹיךְ בַּיי מִנְחָה מַעֲרִיב שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָן צוּ דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן, כָאטְשׁ וָואס רוֹב מָאל קוּמְט אִים יָא אוֹיס צוּ דַאוְוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אָבֶער אַז עֶר וֶוערְט פַארְנוּמֶען, וֶועט עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין וֶועג צוּ דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן. אִיךְ וֵוייס אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין אַחְרָיוּת אַז עֶר זָאל דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן עֶס דַארְף מִיר בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטֶערְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז עֶס בַּאדֶערְט מִיר יָא? אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי רֶעסְפֶּעקְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ אִים, אוּן לְמַעֲשֶׂה טוּט מִיר עֶס זֵייעֶר וֵויי, סַךְ הַכֹּל וִויל אִיךְ הָאבְּן אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן אַרוֹיפְקוּקְן וֶוען זַיין דַאוְוענֶען זֶעט אַזוֹי אוֹיס? לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט וִוי עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ שְׁטִיקְל קֶעיק מִיט זַיין קַאוֶוע פַאר׳ן דַאוְוענֶען, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיפְקוּקְן.

אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל בַּאטָאנֶען אַז אִיךְ וֵוייס אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין עֲבֵירָה אוּן נִישְׁט מַיין אַחְרָיוּת, אָבֶער נָאכְאַלְץ וִויל אִיךְ שְׁפִּירְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט מַיין מַאן, אִיךְ וִויל אִים בֶּאֱמֶת קֶענֶען אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מְכַבֵּד זַיין אוֹיךְ אִין מַיין הַארְץ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו, אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער אוּן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶעט נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגְן וִוי דֶער סַמֵּ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג צוּ צֶעבְּרֶעכְן אֵייעֶר שְׁטוּבּ? אִיר זֶעט נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע אוֹיגְן וִוי אִיר וֶוערְט פַארְנַארְט אִין זַיין נֶעץ? אִיר זָאגְט אַלֵיינְס אַז דָאס מַאכְט אִיר זָאלְט אַרָאפְּקוּקְן אוֹיף אִים אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן עֶנְק.

וִויסְן זָאלְט אִיר, אַזוֹי וִוי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז קֶענֶען נִישְׁט וַואקְסְן נָאר אַז מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי, אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וַואקְסְן נָאר אַז מֶען הַאלְט פוּן אִים, אוּן בִּיז וִויפִיל מֶען הַאלְט אַז עֶר קֶען אָנְקוּמֶען - בִּיז אַהִין קֶען עֶר אָנְקוּמֶען; בַּיי קִינְדֶער אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן לוֹיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן לוֹיט זַיין מְלַמֵּד, אוּן שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן אִין דִי וַוייבּ; אַז דִי וַוייבּ שֶׁעצְט אִים - קֶען עֶר וַואקְסְן, אוּן אַז אִין אִיר הַארְץ הַאלְט זִי נִישְׁט פוּן אִים - קֶען עֶר נִישְׁט וַואקְסְן, אוּן אַזוֹי דֶערְצֵיילְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, נָאכְדֶעם וָואס עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע׳גֶט, אוּן דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פִירְט אוֹיס דֶער מֶדְרָשׁ: "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי; אוֹיבּ דִי פְרוֹי קוּקְט גוּט אוֹיף אִיר מַאן - וֶוערְט עֶר אַ צַדִיק, אוּן אַז דִי פְרוֹי הַאלְט נִישְׁט פוּנֶעם מַאן - זִי קוּקְט אִים אַרָאפּ - פַאלְט עֶר נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ.

זוּכְט אִין אֵייעֶר מַאן נָאר דָאס גוּטְס, אַ פְרוֹי הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ זֶען נָאר דָאס גוּטְס, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "**מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער חָכְמָה וִוי פַארְן מַאן; אַ פְרוֹי הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן דָאס גוּטְס אִינֶעם מַאן אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אוּן אַז זִי נִיצְט דָאס אוֹיס אִיז זִי

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

זוֹכֶה צוּ בּוֹיעֶן אִיר שְׁטוּבּ, עֶס וֶוערְט מְקוּיָּם בַּיי אִיר (מִשְׁלֵי לא, ל-לא): "אִשָּׁה יִרְאַת ה' הִיא תִתְהַלָּל, תְּנוּ לָהּ מִפְּרִי יָדֶיהָ וִיהַלְלוּהָ בַשְּׁעָרִים מַעֲשֶׂיהָ".
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ו)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די אפשערן פון אן אייניקל**
**יחזקאל נ"י, א זון פון**
מו"ה **נתנאל פארקאש** שליט"א
בן מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א
**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב בקרית יואל**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **חיים מרדכי אלבוים** הי"ו צפת
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **יצחק פישמאן** הי"ו צפת
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **יצחק שמואל פרענקעל** שליט"א ירושלים עיה"ק
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב בירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב,**
**א אינגל, ביי זיין איידעם**
מו"ה **מנחם גרומאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
***
מו"ה **יעקב לעזער** שליט"א קרית ברסלב
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **אברהם לעזער** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **עזרא בוים** הי"ו קרית ברסלב
***
מו"ה **משה וויינבערג** הי"ו קרית יואל
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **שמחה וויינבערג** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב
***
מו"ה **יחזקאל ראטטער** הי"ו בית שמש
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **חיים מנחם ראטטער** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אברהם קורדובה** הי"ו ביתר
***
מו"ה **בנימין מזרחי** הי"ו יבנאל
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **רפאל מזרחי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יעקב קליין** הי"ו יבנאל

# די סגולה פון מסכת תענית פאר שידוכים

אין היכל הקודש איז דא א הפלא'דיגע מעשה וואס האט פאסירט ביי אונז אין ישיבה מיט פופצן יאר צוריק, בעת א באזוך פון מוהרא"ש זי"ע. אין יאר תשע"א, אין די בראשית יארן פון די ישיבה, האבן מענטשן ארויסגעלאזט שלעכטע לשון הרע'ס אויף די ישיבה, און עס איז נישט געגאנגען קיין שידוכים. דער ראש ישיבה שליט"א האט דאן געשריבן א בריוו צו מוהרא"ש און אים געבעטן אז אפשר קען מוהרא"ש קומען אין קעמפ מחזק זיין די בחורים. דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך געבעטן אין זיין בריוו אז מוהרא"ש זאל איבערלאזן ברכות פאר די בחורים אז עס זאל גיין שידוכים. מוהרא"ש האט געענטפערט מיט א בריוו וואס איז געדרוקט אין די אידישע "אשר בנחל", וואו ער שרייבט צווישן אנדערע: "איך וועל אי"ה קומען חמשה עשר באב און ברענגען שידוכים".

מוהרא"ש איז דעמאלט געקומען און געזאגט פאר די בחורים אז יעדער בחור וואס וועט לערנען יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, פאר פערציג טעג, אנגעהויבן פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, זאגט ער צו אז ער וועט טרעפן זיין שידוך. עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין ישיבה, און אלע בחורים האבן אנגעהויבן לערנען און ענדיגן יעדן טאג די גאנצע מסכתא.

ווי באקאנט האט נישט לאנג דערויף אויסגעבראכן א שווערע האריקעין מיט'ן נאמען "איירין", און אזוי ווי די קעמפ האט זיך געפינען אין א טאל איז עס גאר שטארק אפעקטירט געווארן און מען האט געמוזט עוועקואירן, און טראץ אלע שוועריקייטן האבן די בחורים אנגעהאלטן דעם לימוד מיט א שטארקייט, און עס האט זיך טאקע דעמאלט אנגעהויבן פילע שידוכים אין ישיבה.

זייט דעמאלטס חזר'ט זיך דאס איבער יעדעס יאר חמשה עשר באב, און נישט נאר אין ישיבת תפארת התורה, נאר איבעראל אין אלע ישיבות. נאכ'ן מיטהאלטן די סדרי הישיבה, נעמען זיך די בחורים צום מסכת תענית, אן דעם וואס איינער זאל זיי הייסן אדער שטיין אויפ'ן קאפ, און זאגן די גאנצע מסכתא יעדן טאג מיט די גרעסטע מאס עקשנות. די ברכה פון א צדיק ווערט מקוים, ווען מען זעט יעדעס יאר גאר וואונדערליכע מעשיות פון בחורים וואס האבן געטראפן גוטע שידוכים אויף גאר אומגעראכטענע וועגן, שנעל און גרינג, און שטעלן אויף שיינע ערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת.

ביים טעגליכן שיעור פארגאנגענעם מיטוואך, חמשה עשר באב, האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל דערמאנט די בחורים איבער די סגולה, ער האט אבער אויך צוגעלייגט אז דאס זאל נישט גיין אויפ'ן חשבון פון די טעגליכע שיעורים, יעדער בחור זאל ווייטער ממשיך זיין צו לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות, א יום תהלים, מעביר סדרה זיין, און אויב קען מען אויך צולייגן מסכת תענית, איז דאס זייער א גוטע זאך.

די בחורים האבן זיך טאקע ווידער צוגעכאפט דערצו, פילע בחורים לערנען און זענען מסיים יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן זיי טרעפן גוטע שידוכים בקרוב.

חז"ל זאגן טאקע: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב". די גרויסע שמחה פון חמשה עשר באב איז געווען אז מען האט געטראפן שידוכים. אזוי אויך זאגן חז"ל אז פון חמשה עשר באב דארף יעדער מוסיף זיין בלימוד התורה. ביי די בחורים וואס פאלגן דעם צדיק איז דאס ממש איין זאך: מען איז מוסיף בלימוד התורה, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שטעלט מען אויף א בית נאמן בישראל.


## אין בלאטע

**עס דערנענטערט זיך שוין די הייליגע טעג,**
**און דערווייל זע איך זיך ליגן טיף אין**
**בלאטע, ווי אזוי זעט מען זיך ארויס?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 69**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,**
**סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380